25.11.2017 7 | None | גראָדנער מאָמענט עקספרעס | יום חמישי, אוגוסט 08, 1929

איד פון 117 יאהר, אויף וועלכען עס שטעהט כמעט די גאנצע וועלט.

ער וואוינט אין ארץ־ישראל און איז דער חכם פון תימן.

א אונטערגעהערטער שמועס צווישען ראדזימינער רבי'ן און מונקאטשער רב בעת דער לויה פון קאמארנער רבי'ן ז"ל.

(פון אונזער ספעציעלען שליח)

ווי „אונזער עקספרעס" האט שוין געמאלדען, איז אין באר מאצמאנסדארף ביי וויען געשטארבען אויף א הארץ־שלאג דער קאמארנער רבי, ר' יעקב משה סאפרין. צו דער לויה, וועלכע איז פארגעקומען אין קאמארנא (מען האט דעם נפטר איבערגעפיהרט אין א ספעציעלען וואגאן פון דייטשעסטרייך קיין פוילען) זענען צווישען די איידימעס, אייניקלעך, פיל רביים און רבנים אויך געקומען דער ראדזימינער רבי פון ווארשא און הרב שפירא, דער מונקאטשער רב (טשעכאסלאוואקיי). ביידע זענען איידימעס פון קאמארנער רבי'ן ז"ל.

ביידע, אי דער ראדזימינער און אי דער מונקאטשער זענען געקומען מיט זייערע חסידים און אנהענגער. נאך מיט 22 יאהר צוריק זענען ביידע אמאל געווען צוזאמען. זינט דעמאלט האבען זיי זיך נישט געהאט געזעהן. מיט 22 יאהר צוריק זענען זיי אבער נישט געווען נאך קיין שוואגערס, נאר בלויז קוזינס.

ווי אזוי? זייערע ערשטע ווייבער זענען געווען קוזינקעס און ביידע, אי דער ראדזימינער און אי דער מונקאטשער, האבען אין איין צייט געגעסען „קעסט" ביי זייערע שווערס און דאמאלס האבען זיי זיך ביידע אפט געזעהן. ביידע זענען אבער געווען קינדערלאז און האבען מיט יאהרען שפעטער צום צווייטען מאל חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערס, די טעכטער פון קאמארנער רבי'ן, ר' יעקב משה סאפרין ז"ל. דער מונקאטשער האט גענומען א טאכטער פון קאמארנער רבי'ן מיט א סך יאהרען פריהער און זי האט איהם געבוירען קינדער און דער ראדזימינער איז טאקי געבליבען קינדערלאז.

איצט ווען דער שווער איז נפטר געווארען, זענען זיך ביידע צונויפגעקומען צו דער לויה אלס שוואגערס. די לויה איז פארגעקומען פרייטאג און שוין דאנערשטאג אוועגד זענען ביידע רביים געווען אין קאמארנא, יעדער מיט זיינע מענשען אין בעזונדערע וואוינונגען.

באלד איז דער מונקאטשער געקומען אין בעצוך צום ראדזימינער.

— שלום עליכם.

— עליכם שלום.

— מיר האבען זיך שוין נישט געזעהן 22 יאהר — האט דער מונקאטשער געזאגט.

— יא, שוין 22 יאהר — האט דער ראדזימינער געענטפערט.

— איהר זענט געווען אין ארץ־ישראל, ראדזימינער רבי? — האט דער מונקאטשער ווייטער געזאגט מיט אן'איראנישען שמייכעל.

— יא — האט דער ראדזימינער געענטפערט קאלטבלוטיג.

— האט איהר דארט דערקענט ר' לוי מרדכי פאלווי, דעם חכם פון תימן, וואס איז אלט 117 יאהר?

— רוכט זיך, אז יא.

— איהר זאלט וויסען, ראדזימינער רבי — זאגט ווייטער דער מונקאטשער, — אז ער איז א גדול בישראל. אויף איהם שטעהט כמעט די גאנצע וועלט. ער לערנט שוין מעהר ווי 100 יאהר גמרא. איך שיק איהם יעדעס יאהר א קוויטעל מיט א פדיון.

ראדזימינער רבי: איז ער דען א רבי?

מונקאטשער: ווער דען? מיר קאנען לייגען קוויטלעך? איבערהויפט, אז א יוד וויל נישט זיין קיין רבי, מעג מען דאך איהם אודאי געבען קוויטלעך.

דער ראדזימינער האט געשוויגען און דער מונקאטשער האט ווייטער גערעדט: איך האב חשק צו מאכען א רייזע קיין ארץ־ישראל בלויז, כדי איהם, ר' לוי מרדכי'ן, צו קענען.

ראדזימינער (שמייכעלט): בדיעבד האב איך הנאה, וואס איך האב פון איהם נישט געוואוסט.

ביי די דאזיגע ווערטער איז דער מונקאטשער רבי געווארען אין כעס, האט זיך אבער באלד בעהערשט און ווייטער געזאגט: „זענט איהר געווען אין צפת?"

— יא — איז געווען די תשובה פון ראדזימינער — איך האב צפת געטראפען אין א זעהר יודישען מצב.

מונקאטשער: ניין. מיט 30 יאהר צוריק יא. היינט נישט. די ציוניסטען ימח שמם!

שטים פון א חסיד: דער ראדזימינער רבי האט בעת זיין בעזוך אין ארץ־ישראל געקעמפט געגען די מיסיאנערען, אבער נישט געגען די ציוניסטען.

ביי די דאזיגע ווערטער איז דער מונקאטשער אונטערגעשפרונגען און האט א געשריי געטהון: תרב פוק, ימ"ש, ער איז א מין, א אפיקורס.

דער ראדזימינער האט דערביי געמאכט א זעהר נישט־פריינדליכע מינע צום מונקאטשער.

דער מונקאטשער איז ביין געווארען, האט זיך אויסגעהויבען פון שטוהל, וואו ער איז ביז איצט געזעסען און זיך געלאזט אנטלויפען. דער ראדזימינער האט זיך אויך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל, אנגעכאפט דעם מונקאטשער ביי דער האנד און נישט געוואלט איהם לאזען אוועקגעהן.

דער מונקאטשער האט אבער באין אופן נישט געוואלט פערבלייבען מעהר קיין מינוט ביים ראדזימינער אין שטוב און האט אויסגערופען מיט א ירצזון, אזוי סתם אין דער וועלט אריין: שומת, שושה! און איז אוועק. ס'האט ענדליך מעהר נישט געמאכט קיין שום בעמיהונגען, ער זאל צוריקבלייבען אין שטוב און דער מונקאטשער איז אוועק ביין.

דעם צווייטען טאג ביי דער לויה, ווען עס איז געקומען צו די הספדים, האט דער מונקאטשער ארויסגעכאפט די צוואה פון נפטר און האט אויסגערופען: „מצוה לקיים דברי המת"! (עס איז א מצווה צו ערפילען דעם פערשטארבענעמס וואונש) און אין דער צוואה שטעהט בפירוש געשריבען, אז איך זאל דער ערשטער מספיד זיין דעם שווער.

ראדזימינער רבי: ווער לאזט אייך דען נישט?

מונקאטשער רב: איך וויל אבער נישט!

ראדזימינער: אויב אזוי וועל איך מספיד זיין.

און דער ראדזימינער רבי האט אנגעהויבען זיין הספד. צווישען די מונקאטשער איז אנטשטאנען א קאנסטערנאציע, וועלכע איז אבער באלד פערשוואונדען צוליב'ן כבוד פון מת.

מען דערצעהלט, אז פאר'ן אוועקפאהרען האבען זיך ביידע שוואגערס־רביים איבערגעבעטען און אין קאמארנא אויפ'ן ארט פון אלטען רבי'ן וועט פראוועץ דער איידעם ר' שמחה'לע און דער זוהן ר' שלום.

נפתלי לובינער.

העלפט פערגרעסערן מעדעם־סאנאטאריע אין מיעדזעשין!

די מעדעם־סאנאטאריע אין מעדזיעשין נעבען ווארשא, דאס זוניגע ארט פאר טוזענדער יודישע ארבייטער־קינדער, איינע פון די בעסטע יודישע קולטורעלע אנשטאלטען אין פוילען, דארף נאך 20000 קוואדראטמעטער וואלד ארום זיך.

די סאנאטאריע מאר נישט ארומגעבוים ווערען מיט הילעס, מאר נישט ארומגענומען ווערען מיט שטוביגע און מוטעלדיגע ווענט, זי מוז האבען דעם וואלד כדי צו האבען די מעגליכקייט זיך צו פערגרעסערן. אזוי האבען בעשלאסען איהרע מעדיצינישע און פעדאגאגישע אנפיהרער און זיי האבען דאס טאקע בעוויזען די טעג אויפ'ן ארט א גרופע ליטעראטען, זשורנאליסטען, ארטיסטען. אין איין ווענט האבען זיי אונז, די אונטערגעשריבענע, בעוויזען די קאלאסאלע דערגרייכונגען פון דער סאנאטאריע אין היגיענישען, מעדיצינישען און פעדאגאגישען זינען. מיט פרייד האבען מיר אלע פעסטגעשטעלט, אז אזא יודישען מוסטעראנשטאלט פאר קינדער האבען מיר נאך קיינמאל און אין ערגעץ נישט געזעהן.

חוץ אלע איהרע מעלות איז די מעדעם־סאנאטאריע א קאדער פון פאלקס־היגיענע. 1000 פאלקס־קינדער נעהמען אין איהר יאהר איין יאהר אויס שטיקער געזונט און 1000 קינדער טראגען פון איהר יעהרליך ארויס אין די ענגע שטובען אריין די איבערצייגונג, אז לופט, וואסער און ריינקייט זענען די בעסטע דאקטוירים. וואס אזא שולע פון היגיענע בעטייט אין דעם לעבען פון דער יודישער מאסע אין פוילען איז לייכט זיך פארצושטעלען.

דעריבער: לעזערין און לעזער פון די דאזיגע שורות, מהו באלד דיין חוב, זאל דיין מעטער וואלד פאר 5 גילדען נישט פעהלען צווישען די 20000 מעטער וואלד, וואס די מעדעם־סאנאטאריע מוז וואס גיכער צוקויפען. איצט זוכען זיך אין דער מעדעם־סאנאטאריע 1000 קינדערלעך יעהרליך, זאלען זיך איבער א יאהר זוכען אין איהר 2000. פון דיין גוטען ווילען, לעזערין און לעזער פון די דאזיגע שורות, איז עס אבהענגיג!

א. גראסמאן, ל. דרייקורס, פ. הירשהארן, דוד הערמאן, דר. מיכאל מייבערג, א. פ. ליריק, יואל מאסטבוים, ד. ניימארק, אשר פערלמאן, לעא פינקעלשטיין, אלחנן צייטלין, לאזאר קאהאן, אלטער קאציזנע, ב. קארליניוס, מ. קיפגיס, פ. שווארץ.

געלד דארף מען שיקען אויף פ. ק. א. 36-56 „מעדעם סאנאטאריום", אדער קויפען א קופאן אויף א מעטער וואלד ביי איינעם פון די זאמלער. אדרעס פון קאמיטעט אין ווארשא: נאוואליפקי 41 ה. 6.

ווארשא רופט זיך אב אויף דער 20.000 מעטער־אקציע לטובת דער מעדעם־סאנאטאריע

דרוקער־פעראיין, ליטעראטען און זשורנאליסטען פעראיין 200 מעטער; בעקליידונגס־פעראיין, האנדעלס־ און אנגעשטעלטער פעראיין, פריזירער פעראיין, מעטאל־פעראיין, סאצ. האנדוערקער־פערבאנד, טראנספארט־פעראיין, דערנעהרונגס־פעראיין, פליישער־פעראיין, קרעדיט־צענטראלע, יורשים פון פערשטארבענעם מיכאל פאלמאן צו 100 מעטער; לעדער־פעראיין, ציימונגס־פערשפרייטער, פערלאג „עקספרעס", י. גימערמאן, י. י. טרונק, אינזש. לעאן פייגענבוים, ליסקאווסקי, ארב.־עטיגר.־ביורא צו 50 מעטער; יתומים־פעראנד, מלך גאלדפארב, גאלדמאן און שייער צו 40 מעטער; ה. אלטער, אינזש. העלער, שמויש אברהם, העריץ בערנשטיין, ב. אייזוראוויטש, י. ראטנער, ד"ר מ. זילבערפארב, פערלעגער ת. בזשאזע, פוקס קאפל, שטיינבערג משה, בירנבוים יעקב און פרוי סאבינע ת. בלאך, י. ליפשיץ, ס. שטארקער, פירמע מיולער און גרונדלאנד צו 20 מעטער; געזאמעלט אויף א שמחה ביי מ. פישבוים 14 מעטער; ד"ר פוזשיץ, ש. גילינסקי, ש. מענדעלסאן, ת. ש. קאזשדאן, עמנואל, שרה שוועבער, פיעקאזש, ד. כמיעלניצקי, ד"ר מילייקאווסקי, מיכעלסאן, ראנדאנסקע חיים, ד"ר פ. גאלדבלאט, ש. לעווענבוים, אינזש. נ. קאמארסקי, פערלעגער יאשקאווסקי, דירעקטאר ל. פינקעלקרויט צו 10 מעטער; מנחם ראזענבוים, הערש פערל, י. ריטערמאן, י. שטעקען, י. גרינבערג, ד. ארעלפאנג, מ. יומאל, הענדלער, פרוי רויטמאן, י. שפילער, ד"ר בילויער, נ. מייזל, ת. מיינבערג צו 5 מעטער; ר. בער 2 מעטער; בוים (בערלין) 20 מעטער; גורשיק 20 מעטער.

ס"ה 2.501 מעטער=12,505 גילדען.

קולטור־קאמיסיע ביים דרוקער־פעראיין

די קולטור־קאמיסיע ביים דרוקער־פעראיין ארדענט איין א 3־טאגיגען אויספלוג אויף דער אויסשטעלונג קיין פויזען. ארויספאהר פון ווארשא דאנערשטאג ד. 15־טען ד. ת. 11 ביינאכט, צוריקקום מאנטאג ד. 19־טען פארטאג. דער אבצאהל (רייזע, בעזוכען די אויסשטעלונג, נאכטלעגער, עסען) בעטרעפט 45 גילדען.

איינשרייבען זיך קאן מען ביז'ן 13־טען ד. ת. ביים ח' דאווידאוויטש. ח"ח ארבייטענדע, וועלכע ווילען בעקוסען פערגרעסערטע פאר תנחה־פרייזען, דארפען מעלדען ביים איינשרייבען זיך. ס'מעגען אויך אנגענומען איינשרייבונגען אויף א 2־טאגיגען אויספלוג (שבת און זונטאג).

ספארט־וועלט.

פון ציקליסטען־געיעג ארום פוילען

(ח.). דער צווייטער עטאפ אין גיגאנטישען ציקליסטען־געיעג ארום פוילען, לאדז—בידגאשטש, איז געווען זעהר אינטערעסאנט. אין קאמף ווענען ערשטען ארט איז פארגעקומען א זעהר הייסער קאמף. ראסטאל האט אבער ווידער טריאומפירט דער זיגער פון ערשטען עטאפ, דער ווארשאווער ציקליסט סטעפאנסקי, וועלכער האט דעם שטח פון 224 קילאמעטער דורכגעמאכט אין 8 שעה, 52 מינוטען און 11 סעקונדען. מיט א דיפערענץ פון איין מינוט איז אויפ'ן צווייטען ארט אנגעקומען קאליגאווסקי („ו. מ. צ."), אויפ'ן דריטען ארט — אליצקי מיט 37 סעקונדען שפעטער פון צווייטען, וואס בעווייזט, אז דער קאמף ווענען ערשטען ארט איז געווען זעהר א הייסער.

פון די שווים־געיעגען ווענען דער מייסטער־שאפט פון פוילען

(ח.). דעם לעצטען שבת, זונטאג און מאנטאג זענען אין ווארשא פארגעקומען שווים־מייסטערשאפטען ווענען טיטול מייסטער פון פוילען. אין די קאמפען האבען אנטיילגענומען די בעסטע שווימער פון גאנץ פוילען, א דאנק וואס די מייסטערשאפטען זענען געשטאנען אויף א זעהר הויכער מדרגה. עס איז דערייבער קיין וואונדער נישט, וואס די פוילישע רעקארדען זענען זעהר אפט געשלאגען געווארען.

צו די מייסטערשאפטען האט דער ווארשאווער אקאדעמישער ספארט־פערבאנד געשיקט זיינע בעסטע קרעפטען, צוליב וואס זיינע שאנסען אין די מייסטערשאפטען זענען געווען זעהר שטארק. ער איז טאקע געווען אהן קאנקורענץ כמעט אין אלע געיעגען און האט גענומען דאס ערשטע ארט מיט 217 פונקטען, דאן ווען דאס צווייטע ארט האט גענומען „גישאוויעץ" מיט 152 פונקטען. דאס דריטע ארט האט דאסמאל גענומען „קראקאוויא" מיט 120 פונקטען. דער ביליצער „הכח" האט זיך אומגעריכט ארויסגעוויזען אלס דער שטארקסטער יודישער שווים־ספארט־קלוב אין פוילען און האט גענומען דאס 4־טע ארט מיט 52 פונקטען.

דער ווארשאווער אקאדעמישער ספארט־פערבאנד ווי אויך „מכבי" זענען געווען זעהר שוואך און האבען זיך געטוהן בענוגענען מיט א קליינער צאהל פונקטען.

ה' זרבבל צוריקגעקומען

נעכטען אווענד איז צוריקגעקומען קיין ווארשא נאך א לענגערער נסיעה איבער די פעראייניגטע שטאטען פון צפון־אמעריקא און קאנאדא דער בעקאנטער ארבייטער־טוער ה' זרבבל. ה' זרבבל האט אויף זיין צוריקרייזע דורך מערב־איראפא געהאלטען רעפעראטען אין בריסעל, אנטווערפען און בערלין. די דאזיגע פארלעזונגען האבען צוגעצויגען אומעטום א גאר גרויסען עולם.

שבת ד. 10־טען אויגוסט 12 בייטאג וועט ה' זרבבל האלטען אין זאל „ספלענדיד" א פארטראג א.ד.ט. „לעבען און קאמף פון דער יודישער ארבייטערשאפט אין אמעריקא". די דאזיגע פארלעזונג האט ארויסגערופען א פעראינטערעסירונג אין די בריימסטע קרייזען פון דער יודישער בעזעלשאפט אין ווארשא.

וואו ווילט מען זיך היינט?

קינא PAN נייע וועלט 40	W MATNI SZPIEGÓW w roli gł. LUISA LORRAINE
קינא CAPITOL מארשאלקאווסקא 125	HARRY PEEL אין נייעסטען סענסאציאנעלען פ־לם א. ג. „דער צעפעלין אין פלאמען".
קינא HOLLYWOOD Hoża róg Marszałk pocz. o godzinie 6, 8.15 i 10.15	„NIEWOLNIK ARENY" Na scenie: Swój do swego po swoje w wykonaniu nowozaangażowanych artystów. Uwaga: w niedziele i święta pocz. seans. 4,

ווארשאווער ראדיא.

11.56: סיגנאל פון צייט; 12.05: מוזיק פון גראמאפאן־פליטען; 12.50: קאמוניקאטען; 4.30: מוזיק פון גראמאפאן־פליטען; 5.25: פארלעזונג ווענען דער לבנה; 6: קאנצערט; 7.56: סיגנאל פון צייט; 8.30: סאליסטען־קאנצערט; 9.30: פעליעטאן; 10.15: קאמוניקאטען; 10.45: מוזיק פון קראקא.

מארגען

11.56: סיגנאל פון צייט; 12.05: מוזיק פון גראמאפאן־פליטען; 12.50: קאמוניקאטען; 4.30: פראגראם פאר קינדער; 6: נאכמיטאג־קאנצערט; 7.56: סיגנאל פון צייט; 8.05: פארלעזונג ווענען לאמארק'ן; 8.30: קאנצערט פון רוסישער מוזיק; 10: קאמוניקאטען; 10.45: טאנץ־מוזיק פון „אאזא".

די ווארשאווער בערזע.

דער האנדעל אויף דער אקציעס־בערזע האט זיך כמעט ווי אבגעשטעלט. די געשעפטען דרעהען זיך ארום דער דאלארובקע, מיט וועלכע מען האט נעכטען געהאנדעלט מיט 495 און באנק פאלסקי 199 שטיק. א שטיקעל אויפלעבונג ערשט אויך ביי דער אינוועסטיציע. אין אלגעמיין אבער הערשט א שטארקער שטילשטאנד און די בערזע־ספערען זענען זעהר פעסימיסטיש געשטימט. א גאנץ שוואכע שטימונג הערשט אויך אויף דער וואלוטען־בערזע. ביי א מיטעלען אומזאץ האט מען נאטירט: האלאנד 357.31; לאנדאן 43.27; ניו־יארק 8.90; פאריז 34.93; פראג 26.39; שטאקהאלם 239.05; ציריך 171.58; וויען 125.62; איטאליען 46.65; בערלין 212.50; דאנציג 173; קאבעל ניו־יארק 8.92; פאר גאלד־רובל צאהלט מען ביז 4.62; זילבער־רובל 2.68; דאלארען 8.88¼; טשערוואנצעס 19.50.

אקציעס און פאפירען: באנק פאלסקי 161.50; האנדלאווי 116; זאראבקאווי 78.50; עלעקטריע 62; צוקער 33.50; פולם 7.85; פ.ט.ע. 10; פירלעי 51; ווענגעל 68; צעגעלסקי 36.50; לילפאפ 31.50; אסטראוויעץ 82.50; פאראווא 25; רודזקי 35.50; סטאראכאוויצע 27; בארקאווסקי 11; אינוועסטיציע 115; דאלארובקע 66.75; 7% סטאביליזאציע 91.50; 4½ זיעמסקע 49; 4½% ווארש. 47.25; 5% ווארש. 53.50; 8% ווארש. 53.50; 8% ווארש. 67.75; 8% קעלצער 56.50; 8% לאדזער 58.50; 10% שעדלעצער 67; 6% ווארש. אבלג. 52.

תבואה־בערזע: נישט קוקענדיג אויף וואס קארן איז נעכטען געפאלען ביז 28.50 אין אנבאט האט דאך די אפיציעלע בערזע דעם פרייז נישט געענדערט. געשטיגען זענען האבער ביז 27.50; ווייצער־גערשטען 31; זויפאק 68; דינע און דיקע ווייצען־קלייען 22. די איבעריגע נישט געענדערט. דער אומזאץ 15 טאן. ענגעקי...

געשטארבען דער בעריהמטער

יודישער ערפינדער עמיל בערלינער

וואשינגטאן (יט"א) ווי עס איז שוין טעלעגראפיש מיטגעטיילט געווארען, איז דא געשטארבען אין עלטער פון 78 יאהר דער בעריהמטער יודישער ערפינדער עמיל בערלינער. בערלינער איז געבוירען געווארען אין האנאווער (דייטשלאנד) און האט נאך אין זיינע יונגע יאהרען עמיגרירט קיין אמעריקא.

בערלינער האט זיך שוין אין יאהר 1877 אויסגעצייכענט מיט אן ערפינדונג, וואס האט פערפאלקאמט די טעלעפאן־אפאראטען. אין יאהר 1877 האט זיך בערלינער בעריהמט געמאכט מיט דער ערפינדונג פון גראמאפאן, וואס האט געפונען אזא ריזיגע פערשפרייטונג איבער דער גאנצער וועלט. אין יאהר 1925 האט בערלינער געמאכט אייניגע ערפינדונגען, וואס זענען אויסגענוצט געווארען אין דער לופט־פליהעריי. חוץ דעם האט בערלינער געמאכט א גאנצע רייהע ערפינדונגען, וואס האבען איהם געגעבען אן אלגעמיינע אנערקענונג פון דער טעכנישער וועלט. בערלינער איז בעשאנקען געווארען מיט מעדאלען און אויסצייכנונגען פאר זיינע ערפינדונגען. דער פערשטארבענער האט אויך גענומען אן אקטיווען אנטייל אין געזעלשאפטליכען לעבען, געווען פארזיצער פון דער אנטי־טובערקולאז־געזעלשאפט און אנדערע.

אויך דער זוהן פון פערשטארבענעם, הענרי בערלינער, האט ארויסגעוויזען בעדייטענדע ערפינדערישע פעהיגקייטען.

Jewish Historical Press (www.jpress.org.il) Brought to you by: The National Library of Israel and Tel Aviv University

http://jpress.org.il/Olive/APA/NLI_heb/Print.Page.aspx?href=GME%2F1929%2F08%2F08&page_num=7&pub_name=%D7%92%D7%A8%D7%9... 1/1